# ברוך־הבאָ אין אָרעבראָ ביבליאָטעק!

***דאָ זענען פֿאַראַן ביכער פֿאַר קינדער און דערוואַקסענע אויף אַ סך פֿאַרשיידענע שפּראַכן. מיר האָבן קלאַנגביכער, שפּראַך־קורסן, ספּעציעלע רעקאָרדירטע רעדן־ביכער, זשורנאַלן און צײַטשריפֿטן, צוטריט צו פֿאַרשיידענע עלעקטראָנישע דינסטן פֿאַר למשל עלעקטראָנישע ביכלעך און פֿילמען. כּדי צו קענען באָרגן עפּעס, דאַרף מען אַ קאַרטל. מע מוז האָבן דאָס קאַרטל כּדי צו קענען שאַפֿן אַ קאָנטע און ניצן אונדזערע עלעקטראָנישע דינסטן. מע דאַרף אויך דאָס קאַרטל כּדי צו ניצן דער ביבליאָטעקס קאָמפּיוטערס און ווײַ־פֿײַ.***

## אַזוי קריגט מען אַ קאַרטל

דאָס ערשטע קאַרטל איז בחינם. כּדי צו קריגן אַ קאַרטל מוז מען אָפּווײַזן זײַן לעגיטימאַציע. מיט אָדער אַ קאַרטל מיט אַ פּאַראָל, אָדער אַן אידענטיפֿיקאַציע־נומער מיט אַ פּאַראָל קען מען באָרגן, באָרגן אויף ס'נײַ און קיקגעבן ביכער אין אונדזערע אויטאָמאַטן. אַ פּאָר עלעקטראָנישע דינסטן פֿאָדערן אַז מע לאָגט אַרײַן מיט זײַן קאַרטל־נומער אָדער זײַן אידענטיפֿיקאַציע־נומער, און אויך פּאַראָל. קינדער אונטער 15 יאָר מוז האָבן זייערע עלטערנס דערלויבעניש כּדי צו קריגן אַ קאַרטל. דאָס דערלויבעניש וואָס די עלטערן מוזן אונטערשרײַבן, איז דאָ אויף אונדזער וועבזײַטל.

## טערמינען

מע קען, געוויינטלעך, באָרגן אַ בוך אָדער עפּעס אַנדערש אין משך פֿון 28 טעג. עס זענען דאָ אויסנעמען. למשל, מוז מען גיכער קריקגעבן ביכער מיט רעזערוואַציע־ריי. דער טערמין איז דאָ אויפֿן קוויטל.

## באָרגן אויף ס'נײַ

טאָמער, וואַרטן קיינער נישט אויפֿן בוך וואָס דו האָסט געבאָרגט, קענסטו עס באָרגן אויף ס'נײַ, אָבער נישט מער ווי 5 מאָל.

## רעזערוואַציעס

ווען מען רעזערווירט אַ בוך קריגט מען אַ טעקסטל, אַ בליצבריוו אָדער אַ בריוו מיט פּרטים וועגן ווען עס איז פֿאַראַן צו אָפּנעמען. די רעזערוואַציעס זענען בחינם. מע קען די רעזערווירטע זאַך אָפּנעמען בײַ אַ פֿאָלקסביבליאָטעק אין דער קאָמונע.

## תּנאָים

- צו באָרגן איז בחנים
- מע טראָגט אַליין דאָס אַחריות צו קריקגעבן דאָס וואָס מע האָט געבאָרגט צו דער צײַט. דער טערמין איז דאָ אויפֿן קוויטל.
- מע קען באָרגן און קריקגעבן ביכער אויף יעדער פֿאָלקסביבליאָטעק אין דער קאָמונע.
- טאָמער, גיט מען קריק דאָס געבאָרגטע בוך צו שפּעט, אָדער באָרגן עס אויף ס'נײַ צו שפּעט, דאָרף מען צאָלן אַן אָפּצאָל.
- אינפֿאָרמאַציע וועגן אָפּצאָלן איז דאָ אויף ***bibliotek.orebro.se/avgifter***
- טאָמער, צעשטערט מען דאָס וואָס מע האָט געבאָרגט, מוז מען אומקערן די הוצאָות.
- מע טראָגט אַליין דאָס אַחריות ווען ס'קומט צו פֿאַרזיכערן אַז נאָמען און איבעריקע קאָנטאַקט־אינפֿאָרמאַציע, למשל, אַדרעס, בליצפּאָסט און צעלקע־נומער זענען דערהײַנטיקט.
- מע טראָגט דאָס אַחריות פֿאַר יעדן בוך געבאָרגט מיט זײַן קאַרטל. דערפֿאַר, טאָר מען נישט געבן זײַן קאַרטל צו עמעצן אַנדערש. מע מוז דערציילן זײַן ביבליאָטעק ווען מע האָט דאָס קאַרטל פֿאַרלוירן כּדי עס בטל צו מאַכן.

- די עלטערן טראָגן דאָס אַחריות פֿאַר דאָס וואָס זייערע קינדער האָבן געבאָרגט.
- די פֿולשטענדיקע תּנאָים זענען דאָ אויף ***bibliotek.orebro.se/lanevillkor.***

## די ביבליאָטעק אין דער היים - bibliotek.orebro.se

**מע קען:**

- זוכן אונדזער קאַטאַלאָג, הערן צו קלאַנגביכער, לייענען עלעקטראָנישע ביכער און באָרגן פֿילמען.
- באַשטעלן דיסטאַנץ־באָרג און איבערגעבן פֿאָרשלאָגן וועגן וואָס די ביבליאָטעק זאָל אײַנקויפֿן
- זען וואָס געשען אויף דער ביבליאָטעק – מעשׂה־שעהען, שרײַבער־באַזוכן אאַז"וו.
- געפֿינען בוך־פֿירלייגן און בעסטסעלער־טאַבעלעס פֿאַר קינדער, יוגנט און דערוואַקסענע.
- לייענען צײַטונגען און צײַטשריפֿטן פֿון אַ סך פֿאַרשיידענע לענדער.
- אַרײַנלאָגירן אויף דער ביבליאָטעקס וועבזײַטל כּדי צו רעזערווירן און באָרגן עפּעס אויף ס'נײַ.

אָרעבראָ ביבליאָטעק איז אויך דאָ אויף פֿייסבוק, אינסטאַגראַם (***orebrobibliotek***) און טוויטער (***@orebrobibliotek***).

אָבאָנירט אויף דער ביבליאָטעקס נײַעס־בלעטל: ***bibliotek.orebro.se/nyhetsbrev***

אינפֿאָרמאַציע וועגן אַדרעסן צו אַלע ביבליאָטעקן, אַדרעסן און אָפֿן־שעהען איז דאָ אויף אונדזער וועבזײַטל ***bibliotek.orebro.se***